**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/30/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שיקט 30-מיטגלידער אינצידענט מענעדשמענט טיעם צו אשעוויל צפון קאראליינע ארויסצוהעלפן מיט האריקעין העלען ערהוילונג**

***ספעציעליזירטע פילע-אגענטור און לאקאלע גאווערמענט טיעם איבערצוגעבן פאסיגע שטיצע פאר רעאקציע אקטיוויטעטן***

***זונטאג, האט ניו יארק ארויסגעשיקט 17 נאצעניאלע גאורד מיטגלידער און דריי CH-47F טשינאק שווערע אויפהייבונג העליקאפטערס צו צפון קאראליינע און פיר גענעראטערס צו דשאורדשע***

***מיטוואך איז א שנעלע וואסער ראטעווע טיעם אריבערגעשיקט געווארן צו צפון קאראליינע***

***זעט [בילדער]() און [ווידיאו]() דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז 30 מיטגלידער פון די ניו יארק סטעיט אינצידענט מענעדשמענט טיעם (Incident Management Team (IMT)) איז אריבערגעשיקט געווארן צו אשעוויל, צפון קאראליינע איבערצוגעבן פאסיגע שטיצע פאר ערהוילונג באמיאונגען נאכפאלגנדיג האריקעין העלען. די טיעם ענטהאלט פאכמאנישע עמערדשענסי רעאקציע פראפעסיאנעלע ארבעטער וואס וועלן ארויסהעלפן לאקאלע ערשטע רעספאנדירער. זיי וועלן אויפשטעלן א זעלבסשטענדיגע אפעראציעס געצעלט דורכצופירן אויפגאבעס וואס רעכנט אריין זוך און ראטעווען, אויסגערעכנטע אויסזוכונגען און קאמיוניקאציעס און עמערדשענסי רעאקציע אקטיוויטעטן. טיעם מיטגלידער ווערן ערווארטעט אנצוקומען אנגעהויבן פון היינט נאכגעפאלגט דורך געצייגט און נאך מענטשן אום דינסטאג.

"ניו יארקער פירן דורך זיין א ביישפיל און העלפן אונזער שכנים אין צייטן פון נויט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער געלונגענע טיעם און די געצייג וואס זיי וועלן מיטברענגען מיט זיך וועלן העלפן ראטעווען לעבנס און אפשאצן שאדנס פון האריקעין העלען. איך באדאנק די דרייסטע ניו יארקער פאר ענטפערן די רוף און איך קוק פאראויס צו זייער זיכערן צוריקער."

די ניו יארק סטעיט אינצידענט מענעדשמענט טיעם האט שוין געשטיצט פילע לאקאלע עמערדשענסיס ווי אויך אין אנדערע שטעט אריינגערעכנט די נאכפאלגן פון טארנעידאס אין קענטאקי אין 2021 און האריקעין הארווי אין טעקסעס אין 2019.

זונטאג האט גאווערנער האקול ארויסגעשיקט 17 סאלדאטן פון די ארמיי נאציאנאלע גאורד און דריי שווערע אויפהייב העליקאפטערס צו שטיצן די צפון קאראליינע נאצעניאלע גאורד און פיר 100 KW גענעראטערס צו מעקאן, דשארדשע צו שטיצן ערהוילונג באמיאונגען.

פאריגע מיטוואך האט זי ארויסגעשיקט א טיעם פון 16 שנעלע וואסער רעטונג מאנשאפטן, צוויי קעינײַנ׳ס און עמערדזשענסי ריספאנס געצייג צו צפון קאראליינע. די טיעם איז יעצט באשטימט געווארן צו העלפן די יענסי קאונטי עמערדזשענסי מענעדזשמענט אפיס.

די ניו יארק סטעיט אינצידענט מענעדשמענט טיעם (Incident Management Team, IMT) איז א פילפאכיגע-אגענטור/פילפאכיגע-יוריסדיקציע טיעם וואס קען ווערן ארויסגעשיקט אדער אקטיוויזירט ווען געדארפט צו שטיין איבער אן אינצידענט אדער געשעעניש אויף א פארזיכערטן אופן, אויף אן אפעקטיוון אופן, און אויף א שנעלן אופן, אפגעזען די סיבה, מאס אדער ווי פארצווייגט עס איז. די טיעם ווערט צוגעשטעלט דורך שטאטישע אגענטורן און גאווערמענטליכע אויטאריטעט דורך א פארלאנג צו די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמעדשענסי סערוויסעס ( New York State Division of Homeland Security and Emergency Services). זיי ווערן ארויסגעשיקט אלץ א טיעם פון טרענירטע מאנשאפטן, פארטרעטנדיג מערערע אפטיילונגען פון וויסנשאפט וואס שטייען איבער גרויסע קאמפליצירטע אינצידענטן וואס פארלאנגען א באדייטנדע נומער פון לאקאלע, שטאטישע און שבט'ליכע הילפסמיטלען. די פארלאנגטע יוריסדיקציע האלט אן אלע לאקאלע קאנטראל, אויטאריטעט, און אחריות בשעת די אינצידענט און בשעת די IMT גיבט איבער אינצידענט מענעדשמענט הילף אין זייער נאמען. זיי ווערן ארויסגעשיקט אלץ א טיעם פון טרענירטע מאנשאפטן, פארטרעטנדיג מערערע אפטיילונגען פון וויסנשאפט וואס שטייען איבער גרויסע און/אדער קאמפליצירטע אינצידענטן וואס פארלאנגען א באדייטנדע נומער פון לאקאלע, שטאטישע און שבט'ליכע הילפסמיטלען.

די הילף וואס איז ארויסגעשיקט געווארן איז טייל פון די עמערדזשענסי מענעדזשמענט הילפס קאמפאקט (Emergency Management Assistance Compact, EMAC), די לאנד׳ס אלע-געפארן נאציאנאלע פאראייניגטע הילף סיסטעם. EMAC איז געווארן באשטעטיגט דורך די .U.S קאנגרעס ( PL 104-321) און איז א געזעץ אין אלע 50 סטעיטס, דער דיסטקריקט אוו קאלאמביע, פאורטא ריקא, גואם, די יו.עס ווירדזשין אינזלען, און די צפון מאריאנא אינזלען. EMAC׳ס מיטגלידער קענען מיטטיילן הילפסמיטלען פון אלע דיסציפלינען, אפהיטן מאנשאפט וואס שיקן ארויס און ווערן צוריקגעצאלט פאר מיסיע-פארבינדעטע קאסטן.

**אפטיילונג פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדשענסי סערוויסעס קאמישאנער דשעקי ברעי האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען די ערשטע רעספאנדירער איבער ניו יארק סטעיט און ניו יארק סיטי וואס זענען שוין אין אמט און די וואס ווערן יעצט א טייל פון זייערע ראנגען. צו העלפן קאמיוניטיס זיך ערהוילן פון קאטאסטראפישע שטורעמעס אזוויי די איז שווער סיי פיזיש און סיי גייסטיש און זייער איבערגעגעבנקייט צו דינען די וואס דארפן זיי ווערט באמת אנערקענט."

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמישאנער ריטשארד א. באל האט געזאגט,** "די NYS אפטיילונג פון אגריקולטור און מארקעטס ( Department of Agriculture and Markets) איז שטאלץ צו זיין א טייל פון די סטעיט'ס אינצידענט מענעדשמענט טיעם און איבערצוגעבן שטיצע פאר צפון קארעליינע עמערדשענסי רעספאנדירער און מאנשאפטן. די דעפארטמענט'ס העכסט טרענירטע עמערדשענסי מענעדשער שטייט גרייט צו העלפן צפון קארעליינע און זייער פאמיליעס בשעת די צייט פון נויט, פונקט אזוויי אנדערע סטעיט האבן געענטפערט די רוף ווען ניו יארק האט זיך געטראפן מיט אירע אייגענע דיזאסטער סיטואציעס. מיר זענען דאנקבאר צו אונזער שותפים אויף די IMT וואס נעמען אויך אנטייל אין די רעאקציע און העלפן די באטראפענע קאמיוניטיס זיך ערהוילן און אנהייבן זיך אויפבויען פונדאסניי."

**דעפארטמענט פון ענווייראמענטל אפהיטונג (Department of Environmental Conservation) צייטווייליגע קאמישאנער סיען מאהאר האט געזאגט,** "צו מיר שקן ארויס אלס רעאקציע צו א נאטורליכע דיזאסטער, וואלדפייער, אדער זוך און ראטעווען אינצידענט, זענען DEC וואלד אויפזיכטער אלעמאל גרייט זיך צו באנוצן מיט זייער ערפארענע אינצידענט קאמענד טרענירונג סיי אין אונזער שטאט

אין סיי אויסער'ן שטאט. איך הייב ארויס אונזערע איבערגעגעבענע וואלד אויפזיכטער און די סטעיט'ס אינצידענט מענעדשמענט טיעם פאר'ן העלפן רעאגירן צו האריקעין העלען און איך וואונטש זיי הצלחה אויף די וויכטיגע דעטאל."

**ניו יארק סטעיט פארקס קאמישאנער פרא טעם ראנדי סימאנס האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר צו פארק פאליציי סערדשענט, דשעפרי סענטאר, פאר'ן איבערגעבן זיין ערפארונג צו די וויכטיגע מיסיע. אין נאמען פון ניו יארק סטעיט פארקס, וואונטש איך פאר די אפעקטירטע קאמיניטיס א פארזיכערטע און שנעלע ערהוילונג פון די שאדנפולע שטורעם."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס ( Office of Information Technology Services) הויפט אינפארמאציע אפיציר און דירעקטאר דרא ראי האט געזאגט,** "אלס ניו יארק'ס IT סערוויס פראוויידער און אלס מיטגליד פון די סטעיט'ס אינצידענט רעאקציע טיעם, זענען מיר שטאלץ צו שפילן א ראלע אין די מיסיע צו העלפן די מענטשן פון צפון קארעליינע. ITS וועט איבערגעבן אינפארמאציע און טעכנאלאגיע שטיצע וואס וועט ערלויבן פאר אונזערע הערא‌ישע ערשטע רעספאנדירער צו טון זייער ארבעט שנעלערהייט און אן קיין שטרויכלונגען, און העלפן צפון קארעליינע קאמיוניטיס און פארמיליעס זיך צו ערהוילן און צוריקגיין צום געוועהנליכן סדר די שנעלסטע מעגליך. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, האט ניו יארק'ס IMT געוויזן פאכמאנישקייט, שטארקקייט און ערהוילונג אין צייטן פון קריזיס און מיר זענען ווידעראמאל גרייט איבערצוגעבן אונזער הילף."

**טרו-וועי אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר פראנק ג. האאר האט געזאגט,** "אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, שיקט ניו יארק די געצייג און מאנשאפטן צו שטיצן די עמערדשענסי רעאקציע דורכאויס די דרום-טייל און די טרו-וועי אויטאריטעט איז שטאלץ צו זיין א חלק פון די קריטישע מיסיע. עקסטרעמע וועטער געשעענישן האלטן ווייטער אן צו אפעקטירן אונזער טאג-טעגליכע לעבן, און מיר שטייען גרייט ווייטער צו שטיצן קאמיוניטיס וואס זענען געטראפן געווארן דורך די שאדנפולע שטורעמס."

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט סטיוון ג. דשעימס האט געזאגט,** "צוזאמענארבעט פון הילפסמיטלען איז קריטיש צו פארזיכערן גענצע אינפארסירונג און פאר רעאקציע טיעמס איז מעגליך אויסצואר‌בעטן סיי וועלכע עמערדשענסי סיטואציע וואס קען נאר אויפקומען אויף אן אפעקטיוון אופן. אונזערע מיטגלידער וועלן ווייטער שטארק ארבעטן מיט אונזערע שותפים אנצוקומען צו דעם זעלבן ציל: געבן די בעסטע שיץ און סערוויס פאר אלע בירגער וואו אימער מען דארף עס נאר. די ניו יארק סטעיט פאליציי שטייט גרייט צו געבן נאך סיי וועלכע הילף וואס מען דארף צו העלפן אראפברענגען די שאדנס וואס די שטורעם האט אנגעברענגט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן